# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:42
מוצאי שב"ק......................8:08

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................ירמיה נ'-נ"א
בבלי.........................מעילה ד'
ירושלמי....................שבת י"ט
תוספתא......בבא בתרא פרק ז'
רמב"ם.............נזקי ממון א'


פרשת תבא, כ"א אלול, אבות פרק ג'-ד', שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 54 (414)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ**

דִי וָואךְ לֵיינֶען מִיר דִי תּוֹכָחוֹת; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה לא:): "תַּנְיָא, ר' שִׁמְעוֹן בֶּן אֶלְעָזָר אוֹמֵר, עֶזְרָא תִּקֵּן לָהֶן לְיִשְׂרָאֵל שֶׁיְּהוּ קוֹרִין קְלָלוֹת שֶׁבְּמִשְׁנֵה תּוֹרָה קוֹדֶם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, כְּדֵי שֶׁתִּכְלֶה הַשָּׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ", עֶזְרָא הַסּוֹפֵר הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל לֵיינֶען דִי תּוֹכָחָה פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, כְּדֵי עֶס זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן דִי יָאר מִיט אַלֶע קְלָלוֹת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן שׁוֹין נִישְׁט ווִיסְן מֶער פוּן קֵיין צָרוֹת אוּן קֵיין שְׁלֶעכְטְס; יֶעדְן טָאג הֶערְט מֶען שׁוֹידֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת ווִי יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַוֶועק גֶערִיסְן פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן ווִי יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן לִיגְן רַחֲמָנָא לִצְלָן אִין שְׁפִּיטָעלֶער, ה' יְרַחֵם.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זַיין דֶער בַּעַל קוֹרֵא בַּיי זִיךְ אִין שׁוּל; אֵיינְמָאל פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַוֶועק גֶעפָארְן אוֹיף שַׁבָּת, אוּן אַ צְוֵוייטֶער הָאט גֶעלֵיינְט, אִינְמִיטְן לֵיינֶען הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דוֹבֶּער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [דֶער מִיטֶעלֶע רֶבִּי] אַוֶועק גֶע'חַלְשׁ'ט, וֶוען מֶען הָאט אִים דֶערְמוּנְטֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַזוֹי: "גֶעוֶוענְלִיךְ לֵיינְט מַיין טַאטֶע דִי תּוֹכָחָה, אוּן וֶוען מַיין טַאטֶע לֵיינְט דָאס הֶערְט מֶען נָאר בְּרָכוֹת, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט ווִי יֶענֶער לֵיינְט עֶס מִיט קְלָלוֹת אוּן צָרוֹת הָאבּ אִיךְ גֶע'חַלְשְׁ'ט"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי צַדִּיקִים טַייטְשְׁן אַלֶעס אוֹיס אוֹיף בְּרָכוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טַייטְשְׁט אוֹיס דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה אַלֶע קְלָלוֹת - ווִי אַזוֹי עֶס אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם נָאר בְּרָכוֹת; לְמָשָׁל, דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כח, כא): "יַדְבֵּק ה' בְּךָ אֶת הַדָּבֶר, עַד כַּלֹּתוֹ אֹתְךָ מֵעַל הָאֲדָמָה", זָאגְט עֶר, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט צוּקְלֶעבְּן דֶעם דִיבּוּר, יַדְבֵּק ה' בְּךָ אֶת הַ'דִּבּוּר', אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי סַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַד כַּלֹּתוֹ אֹתְךָ מֵעַל הָאֲדָמָה, בִּיז דוּ וֶועסְט צוּקוּמֶען צוּ אַזַא בִּיטוּל, אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אוֹיס, אוּן דוּ וֶועסְט נָאר וֶועלְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט עֶר מֶער אוּן מֶער צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר ווִיל שׁוֹין גָארְנִישְׁט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תָבוֹא תשע"ז)

**כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן**

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַ בַּאגְלֵייבְּטְן אִיד, אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר; הָאט דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. פְּלוּצְלִינְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִיד, אוֹיךְ אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶר הָאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ זַיין זוּן, דָאס קִינְד הָאט נֶעבְּעךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַּארַאלִיזִירְט אוֹיף זַיינֶע פִיס רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעטְרָאגְן אוֹיף זַיינֶע אַקְסְלֶען, דֶער אִיד אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ זַייט אוּן גֶעוַוארְט ווִילַאנְג אַלֶע וֶועלְן אַהֵיים גֵיין. עֶס אִיז גֶעוָוארְן נָאכְמִיטָאג וֶוען אַלֶע זֶענֶען שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען צוּם קְלוֹיז דַאוֶוענֶען מִנְחָה, הָאט דֶער אִיד צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע שְׁטוֹיבּ פוּן צִיּוּן צוּ אֵיין פְּלַאץ, אוּן עֶר הָאט אַרַיין גֶעזֶעצְט זַיין קִינְד אִין דִי שְׁטוֹיבּ, אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעזֶעסְן אוּן גֶעוֵויינְט אַז זַיין זוּן זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע פִיס. פְּלוּצְלִינְג שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶער קִינְד אוֹיף זַיינֶע פִיס גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין כְּאַחַד הָאָדָם, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם קְלוֹיז דַאוֶוענֶען מִנְחָה מִיט זַיין טַאטֶע, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע וואוּנְדֶער פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן דָאס צוּ גֶעקוּקְט.

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וואוּ הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן צוּזַאמֶענֶעמֶען דִי שְׁטוֹיבּ פוּן צִיּוּן אוּן אַרַיין זֶעצְן זַיין קִינְד אִין דֶעם, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ פַּשְׁטוּת: "פוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, וואוּ דֶער רֶבִּי פַּארְצֵיילְט אַז דֶער חִגֵּר הָאט גֶעהֶערְט ווִי דֶער זוּן זָאגְט פַאר דִי לְבָנָה אַז עֶס אִיז דָא אַן 'אָבָק', אַ שְׁטוֹיבּ, וָואס אוֹיבּ מֶען טוּט אַרַיין דִי פִיס אִין דִי שְׁטוֹיבּ וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט; אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן, וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא הֵיילִיגֶע שְׁטוֹיבּ ווִי דִי שְׁטוֹיבּ פוּן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, וואוּ אַלֶע קוּמֶען זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דִי שְׁטוֹיבּ אִיז הֵיילִיג"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז בַּיים צִיּוּן קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֶלְ'ן, אוֹיבּ מֶען נִיצְט אוֹיס דִי צַייט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה הַאֲזִינוּ תשע"ז)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן פָארְכְטִיגְן טָאג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן צוּ אִים דִי גַאנְצֶע יָאר. יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע יָאר, אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אָנְגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אוֹיסְצוּנוּצְן צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל קוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.

לֵיידֶער הֶערְט מֶען אַזוֹיפִיל שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טְרַאגֶעדִיעֶס וָואס פַּאסִירְן דֶעם גַאנְצְן יָאר, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן, קֵיינֶער לֶעקְט נִישְׁט קַיין הָאנִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט. וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען דָאס גוּט גֶעדֶענְקֶען, מֶען דַארְף זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דִי צַייט וֶוען מֶען קֶען דָאס אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן, אוֹיבּ וֶועט מֶען אוֹיסְנוּצְן דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס יָאר זָאל מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן אַזוֹי שְׁטַארְק מוּטְשֶׁען, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר, אוּן

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד; אֵיינֶער וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן טְרָאץ אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שְׁאֵלוֹת אוּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר גְלֵייבְּט בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָתוֹ אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס שְׁלֶעכְט וֵוייסְט עֶר אַז דָאס אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וֶוער נִישְׁט מְיוּאָשׁ פוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין פְּרָאבְּלֶעם וֶועט דִיר וֶוערְן לִיכְטִיג אִין לֶעבְּן. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אַרָאפּ אִין דִי בְּרִיוְון דֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (הַקְדָּמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מָאן מִנְכוֹן דִּי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער - זִיס? "מָאן מִנְּכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר?" וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶער לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן אוּן פוּן זַיין טוּנְקְלְקֵייט מַאכְט עֶר לִיכְטִיג; עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִּיק.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תָבוֹא תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## די פַּארְיָארִיגֶע קַבָּלוֹת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן, וָואס טוּ אִיךְ דָאס יָאר?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אִיבֶּער עֶפֶּעס וָואס לָאזְט מִיר מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה. עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אוּן אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּן פַארְיָאר פַאר דִי יָמִים נוֹרָאִים, וֶוען אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין ווָאוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, אִיךְ גֵיי שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען אוּן לֵייגְן תְּפִלִּין יֶעדְן טָאג, אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס טַאקֶע גֶעמֵיינְט מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען לְמַעֲשֶׂה, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן מַיין צוּזָאג.

דָאס יָאר וֵוייס אִיךְ נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּצוּגֵיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּזָאגְן אַז אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען אוּן לֵייגְן תְּפִלִּין אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, וַוייל אִיךְ זֶע אַז אִיךְ הַאלְט עֶס סֵיי ווִי נִישְׁט אַיין, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווִיל אִיךְ אָבֶּער יָא אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וָואס טוּט מֶען דָא?

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר גֶעבְן חִיזוּק, וַוייל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל מָאל, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אִיךְ וֶוער שׁוֹין מְיוּאָשׁ פוּן אַזוֹיפִיל מָאל דוּרְכְפַאלְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן וְכוּ' אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ נָאכְאַמָאל אָנְצוּהֵייבְּן וְכוּ'.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי דִיר; טְרַאכְט אַרַיין, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט בְּגַשְׁמִיּוּת, עֶר גֵייט אִין גַאס אוּן פַאלְט אַרָאפּ, וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן, אֲפִילוּ עֶר זָאל שׁוֹין הָאבְּן גֶעפַאלְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן, דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט זֶען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְן אִין גַאס אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד: "אִיךְ הֵייבּ זִיךְ מֶער נִישְׁט אוֹיף, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט", נָאר וִויפִיל מָאל אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר פַאלְן וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אוּן עֶר צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ דִי הֶענְט אָדֶער פִיס וֶועט מֶען אִים נֶעמֶען אִין שְׁפִּיטָאל, אִים לֵייגְן אַ גִיפְּס וְכוּ'; הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעהֶערְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זָאגְן: "אִיךְ בְּלַייבּ מִיטְ'ן צֶעבְּרָאכֶענֶעם בֵּיין, אִיךְ גֵיי דָאס נִישְׁט פַארְעֶכְטְן, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעפַאלְן"? קֵיינְמָאל וֶועסְטוּ נִישְׁט הֶערְן אַזָאנְס פוּן אֵיינֶעם; דֶעמָאלְט פַארְוָואס בְּרוּחָנִיּוּת זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט"? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן: "כִּי נָפַלְתִּי קָמְתִּי (מִיכָה ז, ח)", אִיךְ בִּין גֶעפַאלְן אוּן אִיךְ הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט פַארְיָאר, אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן; אִיךְ הָאבּ פַארְאַיָאר צוּגֶעזָאגְט אִיךְ גֵיי זַיין גוּט, יֶעצְט גֵיי אִיךְ נָאכְאַמָאל צוּזָאגְן אִיךְ גֵיי זַיין גוּט.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער לִיבֶּער חָבֵר: טוּ תְּשׁוּבָה פוּנְדָאסְנֵיי; זָאג נָאכְאַמָאל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ גֵיי זַיין גוּט"; אֲפִילוּ דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעזָאגְט נֶעכְטְן דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ יֶעדֶעס מָאל פוּנְדָאסְנֵיי תְּשׁוּבָה טוּן.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה – שֶׁבִּשְׁבִיל יָחִיד שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה מוֹחֲלִין לְכָל הָעוֹלָם כּוּלוֹ", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אִיז מֶען מוֹחֵל פַאר אִים אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; זָאג דִי וֶוערְטֶער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִּיק; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִין מִיר אוּן עֶר וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן דִיר, יֶעדֶע מָאל זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז אִיךְ גֵיי זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ אוּן נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ צוּרִיק צוּ מַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים; אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי מְיוּאָשׁ פוּן תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט טוּן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן נִישְׁט צוּרִיק גֵיין צוּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים"; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דִי פָאר וֶוערְטֶער טוּעֶן מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶען אִיז מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען אִיז מוֹחֵל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא; לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה. גְמָרָא אִיז נוֹטְרִיקוֹן דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת גַּ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל, דִי פִיר מַלְאָכִים ווָעלְכֶע הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען גְמָרָא וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיטְן פוּן צוּרִיק פַאלְן אִין נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' כִּי תָבוֹא תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

מֶען וֶועט נִישְׁט ווִיסְן פוּן קַיין צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט פַאר אַ שְׁוֶוערֶע גֶערִיכְט פְּרָאצֶעס. עֶר וֵוייסְט אַז זַיין גוֹרָל לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם רִיכְטֶער. דֶער רִיכְטֶער הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן אַ הַארְבְּן שׁוּלְד-אוּרְטֵייל, אוּן עֶר קֶען פַארְ'מִשְׁפָּטְ'ן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט גָאר הַארְבֶּע שְׁטְרָאפְן, אָדֶער קֶען דֶער רִיכְטֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיפְ'ן מֶענְטְשְׁן אוּן אִים בַּאגַאנַאדִיגְן אוּן אִים אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיף דֶער פְרֵיי. וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ זִיכֶער גֶעוָוארְפְן צוּ דִי פִיס פוּנֶעם רִיכְטֶער אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר רַחֲמָנוּת, אַז עֶר זָאל אִים נָאר אוּרְטֵיילְן אוֹיף אַ גוּטֶע אוּן רַחֲמָנוּת'דִיגֶע וֶועג.

זִיכֶער וָואלְט מֶען אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם בֶּעסְטְן אַדְוָואקַאט, וָואס הָאט דֶעם שְׁפְּרַאךְ אוּן עֶר הָאט חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם רִיכְטֶער. אוּן מֶען וָואלְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אַדְוָואקַאט אַז עֶר זָאל טוּן דָאס מֶערְסְטֶע וָואס עֶר קֶען, עֶר זָאל אוֹיס'פּוֹעֶלְ'ן בַּיים רִיכְטֶער אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ פְּסַק וָואס זָאל זַיין דָאס בֶּעסְטֶע פַארְ'ן מֶענְטְשׁ.

גֶענוּי דָאס אִיז וָואס עֶס פַּאסִירְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוּנְזֶער רִיכְטֶער, עֶר מִשְׁפָּט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס זָאל קוּמֶען אוֹיף אִים, עֶס לִיגְט נָאר אִין זַיינֶע הֶענְט צִי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל חַ"ו פַארְאוּרְטֵיילְט וֶוערְן צוּ שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אָדֶער זָאל עֶר גֶע'מִשְׁפָּט וֶוערְן מִיט חֶסֶד אוּן רַחֲמִים, אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע יָאר.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים, אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז, אוּן זָאל אוּנְז אָנְשְׁרַייבְּן אוּן מִשְׁפָּטְ'ן מִיט רַחֲמָנוּת, נָאר מִיט גוּטֶע זַאכְן פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר.

### אַ גוּטֶער אַדְוָואקַאט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר זַיין אַ גוּטֶער אַדְוָואקַאט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז מֶען זָאל אָנְשְׁרַייבְּן פַאר אִים אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז נָאךְ אִין דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נֶעמְט עֶר מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר מַאכְט זִיכֶער אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן נָאר בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע יָאר.

דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ פְרוּי זֵייעֶר פְרֵייעֶן וֶוען אִיר מַאן אִיז זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, אוּן זִיךְ דָארְט אוֹיסְבֶּעטְן אַלֶעס גוּטְס. וָואס קֶען דֶען זַיין אַ בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נֶעמְט אוּנְז אוֹיף זַיינֶע פְלֵייצֶעס, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי אַלֶע אִידְן וָואס קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר זֶעט אַז דִי אִידְן זָאלְן אַהֵיים פָארְן מִיט זֶעק אוּן פֶּעק פוּן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, אוּן הָאבְּן אַן אֶמֶת'ֶע גוּטֶע יָאר.

אַוַודַאי אִיז עֶס נִישְׁט גְרִינְג. עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ בְּלַייבְּן אַלֵיין אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיף יוֹם טוֹב. וֶוען מֶען טְרַאכְט אָבֶּער אַבִּיסְל אַרַיין, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען דִי גַאנְצֶע יָאר מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען אַ פְרוּי זָאל וֶוען ווִיסְן אַז דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה וָואס זִי וֶועט הָאבְּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר גֵייט מֶען אָנְשְׁרַייבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואלְט זִי דֶען גֶעקוּקְט אוֹיף חַבֶר'טֶעס וֶועלְכֶע וֶועלְן אֶפְשָׁר קְרִימֶען מִיט דִי נָאז אַז אִיר מַאן אִיז גֶעפָארְן אוֹיף אוּמַאן? מִיט וָואס וֶועט אִיר דִי חַבֶר'טֶע הֶעלְפְן וֶוען זִי וֶועט זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט פַּרְנָסָה? זִי וֶועט אִיר נָאר קֶענֶען צוּשָׁאקְלְן דִי קָאפּ מִיט רַחֲמָנוּת. אָבֶּער אַז אִיר מַאן וֶועט פָארְן אוֹיף אוּמַאן, וֶועט עֶר אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר.

אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן דִי גֶעזוּנְט פוּן דִי קִינְדֶער, פוּן דִי נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דָאס אַלֶעס וֶוערְט דָאךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט גְרִינְג זִיךְ צוּ דַארְפְן אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִין דִי פָּאר טֶעג וָואס דֶער מַאן פָּארְט אוֹיף אוּמַאן. אָבֶּער עֶס אִיז פִיל גְרִינְגֶער ווִי זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען מִיט דִי קִינְדֶער דִי גַאנְצֶע יָאר.

אַז דִי מֶענֶער פָּארְן אוֹיף אוּמַאן, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת דִי גַאנְצֶע יָאר. אִין דִי וֶועלְט אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז דֶער מַאן פָּארְט אַמָאל אַוֶועק פַאר אַ וָואךְ צְוֵויי אוֹיף וַואקַאצְיֶע אָן דִי ווַייבּ, עֶר פָּארְט בְּלוֹיז מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים. אוּן דֶערְנָאךְ פָּארְט דִי ווַייבּ אַוֶועק ווַאקַאצְיֶע מִיט אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ גֶעלֶערְנְט. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז אַ מַאן זָאל נָאר פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זַיין ווַייבּ, אוֹיבּ פָּארְט מֶען אוֹיף ווַאקַאצְיֶע זָאל מֶען פָּארְן מִיט דִי ווַייבּ. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז שָׁלוֹם בַּיִת, אַז מֶען זָאל זִיךְ פַארְשְׁטֵיין מִיט דִי מֶענֶער. אוּן דֶערִיבֶּער אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר זִיכֶער עֶרְלֶעדִיגְן אַז מֶען זָאל טַאקֶע הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת דִי גַאנְצֶע יָאר, אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן שָׁלוֹם אוּן הַארְמָאנְיֶע שְׁטֶענְדִיג אִינְדֶערְהֵיים.

### אוּמַאן אִין דִי צֵייטוּנְגֶען

אִין דִי צֵייטוּנְגֶען אוּן אִין דִי פּוּבְּלִיקַאצִיעֶס, וֶוערְט אוּמַאן אַרָאפְּגֶעמָאלְן אַלְס אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים. נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועלְן זֵיי אֵייבִּיג בְּרֶענְגֶען בִּילְדֶער פוּן מָאדְנֶע מֶענְטְשְׁן אִין אוּמַאן. דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בְּרֶענְגֶען בִּילְדֶער ווִי אַ אִיד שְׁטֵייט בַּיים הֵיילִיגְן צִיוּן אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס

<<<<<<

>>>>>>

הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בְּרֶענְגֶען אַ בִּילְד וִוי אַ אִיד זִיצְט אוּן רֶעדְט צוּם רֶבִּי'ן אוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ אוֹיס אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, וִוי אִידְן דַאוֶּוענֶען דִי תְּפִלּוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ, דֶערִיבֶּער זוּכְן זֵיי דַוְקָא צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע סָארְט מָאדְנֶע בִּילְדֶער.

דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, וַוייל דָאס מַאכְט לַייֶדער אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. מֶענְטְשְׁן הוֹיבְּן אָן מוֹרָא צוּ הָאבְּן צוּ שִׁיקְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיף אוּמַאן, פְּרוֹיעֶן הָאבְּן מוֹרָא צוּ שִׁיקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אוֹיף אוּמַאן. אוּן דָאס אַלֶעס גֵייט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי אוּמְפַארְאַנְטְוָוארְטְלִיכֶע רֶעדַאקְטָארְן.

אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין אָבֶּער אַמָאל גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת וָואס דָארְט גֵייט פָּאר. אִידְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם פוּן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן יֶעדֶער קוּמְט נָאר מִיט אֵיין צִיל צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַוֶועק צוּ וַוארְפְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן פוּן בִּיז יֶעצְט, אוּן זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער אוּן זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.

אַוַדַאי אַז עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַזוֹיפִיל אִידְן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִידְן פוּן יֶעדְן עֶק וֶועלְט, פוּן אַלֶע סָארְט שִׁיכְטְן אוּן קְרֵייזְן, זֶעט עֶס אוֹיס אִינְטֶערֶעסַאנְט. אָבֶּער דִי אַלֶע אִידְן הָאבְּן אִין זִיךְ אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אוּן זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶער אוֹיף זַיין שְׁטֵייגֶער.

אוּמַאן אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁפִּיטָאל. עֶס קוּמֶען זִיךְ הֵיילְן אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן. יֶעדֶער קוּמְט פַאר זַיין צְוֶועק אוּן מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן. דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער הָאט אַ קְלֵיינֶעם גֶעזוּנְט פְּרָאבְּלֶעם אוּן עֶר גֵייט זִיךְ הֵיילְן אִין שְׁפִּיטָאל, אָבֶּער אָנְקוּמֶענְדִיג דָארְט זֶעט עֶר וִוי טֵייל מֶענְטְשְׁן לִיגְן מִיט אִינְטֶערְוִוינֶעס, טֵייל זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַאשִׁינֶען, אֵיינֶער אִיז פַארְבִּינְדֶען אַן אוֹיג, אַ צְוֵוייטֶער דַארְף הָאבְּן הִילְף צוּ גֵיין. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוּן עֶר וִויל נָאר אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן שְׁפִּיטָאל. דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר נַארִישׁ, דוּ בִּיזְט טַאקֶע גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן פַאר דַיין קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער עֶס זֶענֶען דָא אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן פַאר גְרֶעסֶערֶע אוּן אַנְדֶערֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן יֶעדֶער וֶוערְט גֶעהֵיילְט אוֹיף זַיין אֵייגְנַארְטִיגֶע וֶועג.

אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אַ צְוֵוייטְן. עֶר אִיז גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן, אוּן נָאר אוֹיף דֶעם דַארְף עֶר זִיךְ קָאנְצֶענְטְרִירְן. וֶוען אַ קְלוּגֶער אִיד גֵייט אוֹיף אוּמַאן, קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אוּן עֶר נוּצְט אוֹיס דִי צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַלֶעס גוּטְס.

וֶוען עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אַ פְּרוֹי מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אִיר מַאן אַז עֶר זָאל פָּארְן אוֹיף אוּמַאן אוּן אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת. אַ וואוֹילֶע פְּרוֹי וֶועט שֵׁיין אַיינְפַּאקְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף יוֹם טוֹב פַאר אִיר מַאן, אוּן זִי וֶועט אִים אוֹיךְ מִיטְגֶעבְּן אַ צֶעטְל מִיט אַלֶע בַּקָּשׁוֹת, אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶע זַאכְן אִין וָואס זִי נוֹיטִיגְט זִיךְ, אוּן אִים אָנְזָאגְן אַז דֶעם צֶעטְל זָאל עֶר מִיטְנֶעמֶען צוּם הֵיילִיגְן צִיוּן, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְרִירְן פוּן דָארְט אֵיידֶער עֶר הָאט אוֹיסְגֶע'פּוֹעלְ'ט דִי אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

## בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב

בליצרקובסקיה 28 - אומאן

## זמנים לראש השנה תש"פ

### שבת פרשת נצבים

זמן הדלקת הנרות............................6:30
מנחה וקבלת שבת......בזמן הדלקת הנרות
באטע ליל שב"ק............................9:30
שחרית............................................9:30
מנחה ושלש סעודות.......................6:30
זמן מוצאי שב"ק............................7:57

### ערב ראש השנה

סליחות ליל זכור ברית.....................1:00
פדיון נפש..........................אחר סליחות
שחרית ערב ראש השנה...................8:00
פדיון נפש..........................אחר שחרית

### ראש השנה

זמן הדלקת הנרות...........................6:25
מנחה ערב ר"ה...........בזמן הדלקת הנרות
שחרית............................................8:00
מנחה..............................................6:00
דרשה..............................................6:30
זמן מוצאי יו"ט..............................7:51

>>>>>>

מוהרא"ש. א פערטער בית המדרש "היכל הקודש בית נתנאל" געפונט זיך אויך אין אומאן, אנגעפירט דורך הרה"ח ר' אברהם חיים פארקאש ובניו שליט"א.

דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "הראש השנה שלי עולה על הכל", ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן; און דער רבי האט צוגעזאגט זייער גרויסע הבטחות פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה. ווי פארכטיג איז דער יום טוב ראש השנה ווען מ'שרייבט אפ אין הימל פאר יעדן מענטש אלעס וואס וועט פאסירן צו אים במשך די גאנצע יאר, און דער רבי האט זיך אינטערגענומען אז ער וועט זיין אן אדוואקאט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, ער וועט זיכער מאכן אז מ'וועט אנשרייבן פאר זיי א גוט געבענטשט יאר.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן טאקע זוכה זיין צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, און פועל'ן אלע גוטע ברכות און ישועות פאר די גאנצע יאר.

**וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון!**

***

## פדיון נפש ערב ראש השנה אין אומאן

ווי באקאנט פלעגן אנשי שלומינו זיך פירן צו געבן פאר מוהרא"ש יעדעס יאר אום ערב ראש השנה אין אומאן "פדיון נפש", אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן ר"ד) אז ערב ראש השנה זאל מען געבן א פדיון.

מוהרא"ש האט געזאגט אז די גרעסטע צדקה וואס עס איז פארהאן איז צו געבן געלט צו קענען מער און מער פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות אויף דער וועלט, דאס איז די בעסטע וועג ווי אזוי מחי' צו זיין מענטשן, און דאס בלייבט פאר די מענטשן אויף אייביג. דעריבער פלעגט מוהרא"ש נוצן די געלט פון די פדיונות אויף צו דרוקן דעם רבינ'ס ספרים און צו בויען דעם רבינ'ס מוסדות, צו קענען מיט דעם ווייטער פארשפרייטן דעם רבינ'ס אור אויף דער וועלט.

דאס יאר וועלן אנשי שלומינו ווייטער געבן "פדיון נפש" אין אומאן פאר דעם זעלבן צוועק, מען וועט קענען געבן דעם "פדיון נפש" פאר'ן ראש ישיבה שליט"א ערב ראש השנה אין אומאן, מ'קען זען די זמנים פאר פדיון נפש אין אומאן אין א באזונדערע קעסטל אינעם גליון, ווי אויך וועט זיין טישלעך ביים ציון הקדוש און אויף די הויפט גאסן אין אומאן, וואו מ'וועט קענען געבן די פדיון נפש. מ'קען אויך מנדב זיין פדיון נפש אויפ'ן אדרעס: https://breslevcenter.com/pidyen-nefesh

דאס ארויסהעלפן פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות אויף דער וועלט, איז די בעסטע הכנה צום הייליגן ראש השנה.

**פדה בשלום נפשי!**

***

## וויכטיגע אנווייזונגען אויפ'ן וועג קיין אומאן

וויכטיגע אנווייזונגען פאר די רייזע קיין אומאן, צוגעשטעלט דורך אייער געטרייע טרעוול אגענטור Plan-it-Rite וואס שטעלט אייך צו אלע טרעוול געברויכן קיין אומאן, און סיי וואו איר פארט א גאנץ יאר.

צום ערשט דארפט איר זיכער מאכן, אז אייער לעגאלער נאמען (די לעצטע און די ערשטע) וואס שטייט אויפ'ן פאספארט, זאל זיין ארויסגעשריבן ממש די זעלבע אויפ'ן טיקעט.

עס איז ראטזאם און גרינגער אריין-צו-טשעקן אנליין. מ'קען אריין-טשעקן פון פיר-און-צוואנציג שעה ביז צוויי שעה פאר די פליגער הייבט זיך. אריין-טשעקן אין עירפארט נעמט אסאך צייט און קען צומאל זיין א פראבלעם אויב קומט מען שפעט, אזוי אויך קען עס קאסטן א פרייז (ביי יוקרעין עירליינס קאסט עס $17 דאלער).

אזוי אויך זיך אליינס אויסוועלן דעם זיץ אויפן פליגער, קען קאסטן א באזונדערע פרייז. (ביי יוקרעין עירליינס זענען די פרייזן הייבן זיך צווישן $15 און $50 דאלער א וועג - געוואנדען אינעם זיץ).

אז איינער וויל נעמען געפאקטע באקסעס אויפן פליגער, זאל מען עס ארומגענומען מיט סארען רעפ (Saran wrap), און יעדע באקס דארף זיין באזונדער, נישט צוויי באקסעס צוזאמען.

אויב האט מען מער רעקנצלעך פון וויפיל מ'איז בארעכטיגט צו מיטנעמען מיט'ן פליגער, וועט עס אויסקומען ביליגער, אויב מען באשטעלט עס כאטשיג 48 שעה פאר די פליגער הייבט זיך.

די טשעק-אין אין עירפארט גייט אן אנגעהייבן פון דריי שעה פאר די פליגער פארט, און ענדיגט זיך א שעה פאר די פליגער הייבט זיך. דערנאך ווערט שוין קיינער נישט אריינגעלאזט.

עס איז גוט צו מאכן טרעוול אינשורענס. דאס וועט בעז"ה פארמיידן שאדנס פון צעבראכענע אדער פארלוירענע חפצים/בגדים. אזוי אויך איז גאר וויכטיג צו האבן מעדיקעל אינשורענס, כדי אויב מען דארף (נישט אויף קיין שום איד גערדאכט) ח"ו צוקומען צו סיי וועלכע מעדיצין אדער דאקטוירים דורכאויס די רייזע, אדער חלילה אריין גיין אין שפיטאל, זאל מען זיין געדעקט.

אויב איינער פון די עלטערן פארן אליין, און מען נעמען מיט א קינד/קינדער אונטער די עלטער פון זעכצן, דארף מען מיטברענגן א צעטל וואס האט א בילד פון די מאנ'ס/ווייב'ס אידענטיפיקאציע (ID) און אויף דעם זאל זיין א חתימה אז זיי געבן רעכט פאר'ן קינד מיט צו פארן.




אסאך עירליינס - אריינגערעכענט יוקרעין אינטערנעשענאל - זענען זייער שטרענג מיט די האנט באגאזשן וועלכע מען נעמט ארויף אויפן פליגער. עס מעג וועגן א מאקסימום פון 15 פונט. אזוי אויך די ברייט הייך און לענג קען זיין מאקסימום 15.7 אינטשעס (40 סענטימעטער) ביי 21.6 אינטשעס (55 סענטימעטער) ביי 7.8 אינטשעס (20 סענטימעטער). זע בילד.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז יעדער זאל פארן געזונטערהייט און צוריק קומען געזונטערהייט, און פועל'ן אלעס גוטס ביים הייליגן רבי'ן, א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

**Plan-it-Rite 718-506-4341**

## ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

# זמן אמירת סליחות בבית מדרשינו
# מוצש"ק פ' כי תבא, א' סליחות

## בשעה 1:00

**בברכת כתיבה וחתימה טובה - הגבאים**

בעזהשי"ת

מיר האבן דעם כבוד איינצולאדענען
אלע חשובע פרויען וואס זייערע
מענער פארן קיין אומאן אויף
ראש השנה צום

# אומאן פארברענג

אין פארברייטונג צום
הייליגען יום טוב

# ראש השנה

זיך אינאיינעם צו פרייען אויף די גרויסע זכיה אז
מיר באקומען די געוואלדיגע ברכות

## פון הייליג'ן רבי'ן אין אומאן

די "פארברענג" וועט אי"ה פארקומען

## מאנטאג פרשת נצבים

**למספרם Sep. 23**

## אין היכל הקודש ברסלב

**27 Skillman St.**

## בשעה 9:00

- געשמאקע מאלצייט
- שיינע דרשות
- הערליכע פארשטעלונג

מיר ווארטן אייך פערזענליך צו באגריסן

## לעידים עקזילערי היכל הקודש ברסלב

**נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'**

# איבער 100,000 אידן ערווארטעט
# אין אומאן אויף ראש השנה תש"פ

לב מי לא יחרד, וועמענ'ס הארץ ציטערט נישט ווען עס קומט דער גרויסער יום הדין, ווען דער שופט כל הארץ וועט אונז משפט'ן אויף אונזערע מעשים פון א גאנץ יאר, וואס מיר ווייסן זייער גוט וויאזוי זיי האבן ליידער אויסגעזען, און אונזער ריכטער - דער הייליגער באשעפער אליין - וועט דן זיין דעם מענטש אויפ'ן קומענדיגן גאנצן יאר, אויף אלעס וואס נעמט ארום דעם מענטש, זיין געזונט, זיין פרנסה, זיינע קינדער, מי יחיה ומי ימות, מי בקוצו ומי לא בקוצו, מי במים ומי באש וכו' וכו'. דארפן מיר דאך אלע נעמען דעם בעסטן אדוואקאט, און אים בעטן ער זאל אונז פארטרעטן ביים משפט, און ממליץ טוב זיין פאר אונז. און וואס בעט ער דען פון אונז, בלויז אז מיר זאלן קויפן א טיקעט און פארן צו אים אויף די פאר טעג ווען דער משפט קומט פאר. ווער קען זיך ערלויבן צו פארפאטשקען אזא געלעגענהייט?

דערפאר זעט מען טאקע ווי דאס ווארעמקייט און התעוררות ביים ציבור שטייגט פון יאר צו יאר; צענדליגער טויזנטער אידן פון איבער די גאנצע וועלט, קוקן נישט אויף קיין שום שטערונגען און שוועריקייטן וואס קומען אונטער, און כאפן דעם רענצל און פליען אפ צום ציון קודש הקדשים אין אומאן צו ויילן אויף ראש השנה צוזאמען מיט'ן הייליגן קיבוץ.

ווי וואונדערליך איז צו זען ווי מען קומט אן קיין אומאן יעדעס יאר באזונדער, איז דער שטאט ממש נישט צו דערקענען, עס וואקסן ארויס אויף יעדע ווינקל און יעדע גאס נייע ריזיגע בתי מדרשים פון פארשידענע קהילות הקודש, און פילע האטעלן, געשעפטן, הכנסות אורחים'ס, יעדער מיט זיין אייגענארטיגן חן צוגעפאסט פאר יעדן קרייז און יעדן שבט פון כלל ישראל.

ווי די טראוועל אגענטן געבן איבער, ווערן די זיצן אויף די פליגעס צוכאפט ווי קיינמאל בעפאר, און לויט די טיקעטס וואס ווערן פארקויפט ווערט געשאצט אז היי יאר וועלן זיין אין אומאן אויף ראש השנה דער אומגעהויערע ציפער פון איבער הונדערט טויזנט אידן, וואס האבן זיך מוסר נפש געווען און איבערגעקומען אלע זייערע מניעות, און געקומען פאלגן דעם רבי'ן בתמימות ובפשיטות, און רעכטן אפ דעם הייליגן יום טוב ראש השנה צוזאמען מיט'ן הייליגן קיבוץ אין אומאן, אז דער רבי זאל זיי פאררעכטן און זיי גייען אהיים מיט פילע זעק ישועות און רפואות ברוחניות ובגשמיות.

אנשי שלומינו, תלמידים פונעם ראש ישיבה שליט"א, וועלן דאס יאר צום צווייטן מאל פארברענגען דעם יום טוב אינעם נייעם פראכטפולן בנין, וואו מ'האט שוין פארענדיגט נאך א שטאק מיט שלאף צימערן, אויסער אלע צוגעהער פאר'ן יום טוב, א הערליכע בית המדרש, מקוה, עס זאל, און אזוי ווייטער. דער ראש ישיבה שליט"א וועט דאווענען פאר'ן עמוד די תפלות ראש השנה מיט זיין הארציגע שטימע באגלייט מיט משוררים - די תלמידי הישיבה. ווי אויך וועט מען האבן די זכיה צו הערן דרשות התחזקות והתעוררות במשך דעם יום טוב פונעם ראש ישיבה שליט"א אינעם היכל בית המדרש. צו די סעודות וועלן אבער ארייגעלאזט ווערן נאר די וועלכע האבן געקויפט א בעט אינעם בנין.

כאטש וואס מיר האבן ליידער פארלוירן מוהרא"ש זי"ע, האלטן זיך די תלמידים ווייטער אינאיינעם באהבה ושלום. יעדער פרובירט ווייטער ממשיך זיין צו גיין אין זיינע הייליגע וועגן, צו לערנען זיינע הייליגע ספרים, צו מקיים זיין זיינע הייליגע עצות, וועלכע ווייזן דעם וועג פאר יעדן איד אין יעדן מצב ווי אזוי זיך צו דערנענטערן צום אייבערשטן און אנצוקומען צום תכלית פאר וואס מיר זענען אראפגעקומען אויף דער וועלט. די חשובי תלמידי מוהרא"ש זענען ווייטער ממשיך פארצולערנען די תורות פון הייליגן רבי'ן לויט ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, און די תלמידי היכל הקודש זענען ווייטער מקבל יעדער איינער פון דעם פלאץ וואס רעדט דאס מערסטע צו זיין הארץ, און אזוי האט יעדער די ריכטיגע מאס התחזקות זיך צו קענען ווייטער שטארקן אין עבודת ה' אויפ'ן רבינ'ס דרך.

אויך אין אומאן וועלן די תלמידי היכל הקודש זיך האלטן צוזאמען יעדער אויף זיין פלאץ וואו ער באקומט חיזוק און התעוררות במשך די גאנצע יאר. די תלמידים פונעם ראש ישיבה שליט"א וועלן מיטהאלטן דעם ראש השנה אינעם בית המדרש פונעם נייעם בנין, וואס געפונט זיך ווייט ארויס פון די טומלדיגע געגנט אין אומאן. מער נענטער צום ציון הקודש ווערט יעצט געבויעט א הערליכער בנין "היכל הקודש" אנגעפירט דורך הגה"צ ר' יצחק לעזער שליט"א, די פונדאמענט פונעם בנין איז שוין געבויעט געווארן, און אויף דעם וועט דאס יאר אויפגעשטעלט ווערן א גרויסער שאטער וואס וועט דינען אלס בית המדרש, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט דער בנין פארענדיגט ווערן אויפ'ן קומענדיגעס יאר ראש השנה. נאך א בית המדרש "היכל הקודש" געפונט זיך אינעם גרויסן בנין "מעגימעטער", הארט נאנט צום ציון הקדוש, וואו מוהרא"ש זי"ע האט געדאווענט פאר אסאך יארן אין אומאן, דער בית המדרש ווערט אנגעפירט דורך הגה"צ ר' נחמן שיק שליט"א, בנו בכורו פון

<<<<<<


## אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן
עירליין טיקעטס; טראוועל אינשורענס; און נאך
~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~
אייער פריינד
אלי קנאלל
718-506-4341
Plan it Rite
Travel the right way

## אומאן טראנספארטאציע

מ'קען שוין באשטעלן טיקעטס פאר די
באסעס פון קיוב קיין אומאן, און פון אומאן
קיין קיוב, פאר די דירעקט פלייטס
אויך שטעלן מיר צו באסעס פאר גרופעס
צו באשטעלן רופט
646–642–1457

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,
קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס,
USB'ס, SD'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר!
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
347-509-4908
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**